

חיים מאליץ.

# די הוים און די פרוי

— פון —

## חיים מאליץ.

---

**פרייז $1.50**

ניו יארק

1918

# פארערדע

דיעזער בוך איז געשריעבען געווארען פיר די פרויען און געווידמעט צו די פרויען, אלס א מאנומענט צו די גרעסטע וועלט־מארטירער, וועלכע געבען אוועק זייער גאנצעס לעבען פאר דער מענשהייט, און עס ווערט ליידער זעהר, זעהר ווענינ אנערקענט.

אבער מיין ערנסטער וואונש איז, אז מענער זאלען דיעזען בוך לעזען; איך און איהר, און יעדער פערהייראטער מאן דארף דורכבלעטערן דיעזען בוך אם ווענינסטען איינמאל אין וואך. דער בוך איז א ריכטיגער שפיעגעל, וואס צייגט אונז, מענער, ווי מיר זעהען אויס.

ווען איהר וועט אמאל אין א פרייען אבענד דורכלעזען א פאר קאפיטלען פון דיעזען בוך, און וועט אויפהויבען אייערע אויגען און א קוק טהאן ווי אייער פרוי'ס האר פאנגען אן גרוי צו ווערען און אויף איהר געזיכט צייגען זיך קנייטשען, דאן וועט איהר ערשט בעגרייפען וויפיעל געדולד און וויפיעל ליידען און מאטערנים אייער מלאך האט אריבערגעטראגען; איהר וועט דאמאלס האף איך, אוועקלייגען דעם בוך, אויפשטעהן פון אייער טשער, און וועט צוגעהן אויף די שפיץ פינגער צום טשער וואו זי זיצט און א ליעבליכער הארציגער קוש וועט אבקלינגען איבער'ן צימער, מיט א געפיהל ווי איהר וואלט ערשט נעכטען געהייראט.

איהר דארפט איהר דאן א ווארט ניט זאגען. די טרעהרען וועלען זיך איהר גלייך שטעלען אין די אויגען, און זי וועט וויסען, איהר הארץ וועט פיהלען, אז איהר ווערט א בעסערער מאן.

**דער פערפאסער.**

אכטענס, זאלסטו קיינמאל ניט פאדערען פון דיין מאן א זאך וואס עס איז פאר איהם צו שווער עס דורכצופיהרען, ווייל דאס ברענגט צו שנאה.

נײנטענס, זאלסטו זיין ריין און עהרליך, אין מחשבה און אין טהאט. זאלסט ניט רעדען קיין שלעכטע רייד אויף קיינעם, אפילו פאר פרעמדע מענשען, פאר דיין מאן אוודאי ניט.

צעהנטענס, אז דו וועסט האלטען דיין מאן פאר א קעניג, וועט ער דיך האלטען פאר א קעניגין, און איהר וועט ביידע לעבען גליקליך, און ערציהען דורות פון קינדער וואס וועלען זיין א ציערונג פאר גאט און פאר לייט, ווייל דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון׳ם בוים.

---

# די טאטעס און די קינדער

ווען מיר קוקען זיך צו צום אידישען פאמיליען לעבען אין אמעריקא, זעהען מיר א מערקווירדיגע זאך. מיר זעהען אז די ערציהונג פון קינדער ווערט דא אין גאנצען ארויפגעווארפען אויף דער מוטער, זי זאל זיך פערדרעהן איהר קאפ, וועהרענד דעם פא־טער׳ס איינפלוס אויף די קינדער ווערט אין גאנצען פערנאכלעסיגט.

דער רעזולטאט איז זעהר א טרויעריגער, ווייל אם מעהרסטען ווילען די קינדער ניט פאלגען זייערע מאמעס, און די מאמעס האבען שרעקליכע ערגערנים, מוזען זיך אויסעסען די גאל ביי יעדע קלייניגקייט, און נאכהער ווען עס קומט א צייט אז די פאטערס דערזעהן: אז זייערע קינדער זיינען ניט ווי עס דארף צו זיין,

האבען זײ נאך טענות צו דער מאמע. די מאמע איז שולדיג אין אלעם. זי האט זײ אזױ געלערענט.

---

דער דורכשניטליכער איד אין אמעריקא װיל גאר ניט בע־גרײפען די גרױסע פעראנטװארטליכקײט פון א פאטער. ער דענקט אז ער טהוט זײן פולע פליכט, דערמיט װאס ער ארבײט מיט'ן ביטערען שװײס צו בעזארגען זײנע קינדער מיט א הײם און מיט ברױט. װען ער איז בעסער אב און ספענדט אויף זײנע קינדער מעהר געלד איז ער דאך אודאי א פײנער טאטע, דענקט ער, און דאס איבעריגע איז ניט זײן עסק, זאל זיך די מאמע טהון װאס זי װיל, ער האט קײן צײט ניט זיך אבצוגעבען מיט דער ערציהונג פון זײנע קינדער. ער האט בילכערע זאכען, ער איז א פערנומע־נער מענש!

---

נעהמט אירגענד װעלכען מאנופעקטשורער אדער ביזנעס מאן און איהר װעט זעהן אז ער איז א סך מעהר בעקאנט מיט זײנע אפיס־באים װי מיט זײנע אײגענע זיהן. ער איז א סך מעהר הײמיש און װײסט מעהר אלע אינערליכע אנגעלעגענהײטען פון זײנע בוקקיפערס װי פון זײנע אײגענע טעכטער.

ער נעהמט זיך קײנמאל ניט די צײט צו פאהרען אדער געהן ערגיץ מיט זײנע זיהן און טעכטער, אדער זיך אװעקצוזעצען מיט זײ אויף א האלבע שטונדע און האבען מיט זײ אן ערנסטען און א לאנגען געשפרעך װעגען װיכטיגע זאכען פון לעבען. ער זעצט זיך קײנמאל ניט אװעק מיט זײנע טעכטער זײ ערקלעהרען אין א האריץ־צו־האריץ געשפרעך װאס ער ערװארטעט פון זײ, װאס זײ זאלען טהאן, װי זײ זאלען זיך אויפפיהרען, װאס פאר א װעג עס איז בעסער און װאס פאר א װעג עס װעט זיך אויסלאזען שלעכט פאר זײ. װעהרענד מיט די מײדלאך װאס ארבײטען בײ איהם אין אפיס װעט ער עס יא טהון, און װעט זײ צו יעדער צײט געבען די בעסטע און די פרײנדליכסטע עצות, װי זײ זאלען זיך אויפפיהרען אין לעבען.

דאס זעלבע נעהמט דער מאן מעהר אינטערעסע אין זיין אפיס־באי ווי אין זיין אייגענעם זוהן, ער וועט קיינמאל זיך ניט אוועקזעצען מיט זיין זוהן אין א קאנפידענשעל געשפרעך, איהם זאגען: זוהן מיינער, דאס זאלסט דו יא טהאן, דאס זאלסט דו ניט טהאן, א. ז. וו. — אלעס וואס ער ווייסט איז, אז ווען דער מוטער דערגעהט עפעס אמאל צום הארצען און זי מאכט א קאמפ־ליינט אויף א קינד, שרייט ער זיך גוט אן אויף׳ן קינד, אדער אויף׳ן קינד מיט דער מוטער צוזאמען, און דערמיט ענדיגט זיך די טראגי־קאמעדי.

די גאנצע צוקונפט פון די קינדער איז דאריבער אבהענגיג דא נור אין די מוטערס. דער פאטער נעהמט פון זיך אראב דיעזען גרויסען שווערען יאך און וואַרפט איהם ארויף אויף דער מוטער. די אידעע פון די קינדער איבער זייער פאטער, איז אז א טאטע איז עפעס עהנליך צו א קעש־רעדזשיסטער, וואו אנדערע ווארפען אריין געלד און זיי און די מאמע נעהמען עס ארויס, דאס אלעס. קיין שום איינפלוס האט ער ניט אויף זיי, ער איז צו זיי פרעמד, ריכטיג ווי ער וואלט זיין דער שכן פון נעקסט־דאר. די גאנצע ערציהונג ליגט אין די הענד פון דער מוטער. זי בעשליסט ניט בלויז וואס פאר א שפייז דאס קינד דארף האבען, אין וויעגעלע, נור אויך די גאנצע קאריערע פון דעם קינד׳ס לעבען. זי דרעסט די קינדער ווי זי וויל. זי בעשליסט אין וואס פאר סקוהלס זיי זאלען געהן, וואס פאר פריינד זיי זאלען האבען, מיט וועמען זיי זאלען יא געהן און מיט וועמען ניט. דיעזע אלע וויכטיגע פראַ־גען מוזען פון דער מוטער אליין געסעטעלט ווערען, ווייל דער פאטער וויל פון קיין זאך ניט וויסען, ער איז מיט אלעס צופריעדען און ער מאכט ניט דעם מינדעסטען פראטעסט, אויסער ווען די בילס זיינען צו גרויס, אדער ווען א זאך לאזט זיך אויס שלעכט. דאן ווערט ער מיט אמאל א נביא און זאגט, אז ער האט פריהער געוואוסט, אז אזוי וועט זיך אויסלאזען, ווייל דארט וואו א אי־דענע מישט זיך קען קיין גוטעס ניט ארויסקומען.

ער וויל גאר ניט נעהמען אין אנבעטראכט אז דאס איז זיין

אייגענע שולד. ער וויל גאר ניט וויסען, אז די פרוי האט צופיעל זאכען צו פערזארגען אום צו מאכען אז די היים זאל ווערטה זיין צו טראגען דעם נאמען „היים“, ער וויל גאר ניט א טראכט טהאן, אז א פאטער קען האבען מעהר איינפלוס אויף קינדער ווי א מוטער, און אז דער הויפט־שולדיגער איז ער אליין וואס האט זיין איינפלוס פערנאכלעסיגט.

---

עס איז דאריבער גאר קיין וואונדער ניט וואס מאסען קינדער פיהרען זיך אויף ניט ווי עס דארף צו זיין, און ווערען רואינירטע מענשען פיר זייער גאנצען לעבען. די פאטערס, אם מעהרסטען די וואס זיינען מעהר אדער ווייניגער בעסער אב — די גרעסערע און קלענערע ביזנעס לייט, וועלכע רעכענען אלעס אויף דאלארס און סענטען, ווען זיי קוקען זיך אם ענדע ארום, און זעהען וואס פון זייערע קינדער איז געווארען, טראכטען זיי זיך אז קינדער איז די ערגסטע אינוועסטמענט אויף וועלכע זיי האבען אוועקגעלעגט אזוי פיעל ארבייט זייער גאנצען לעבען. אבער אנשטאט זיי זאלען האבען טענות צו די קינדער, דארפען גאר די קינדער האבען טענות צו זיי.

---

ווען קינדער זיינען יונג מוזען זיי האבען א לעהרער, א וועג־ווייזער. עס זיינען דא זאכען צו וועלכע די מאמע קען אטענדען. צו האלטען די קינדער ריין, ציכטיג, צו היטען זייער געזונד, דאס איז דער מאמע'ס ארבייט און דאס אליין איז גאנץ גענוג פאר דער מוטער. ווען עס קומט אבער צו פערזארגען די צוקונפט פון די קינדער, זיי פארצו בערייטען צום ארויסקומען אין דער וועלט אלס מענשען, אלס סאלדאטען אין דעם גרויסען קאמפף פון לעבען, ווען עס קומט צו דער פראגע פון „פריפערעדנעס“, — דאס איז שוין דעם פאטער'ס פפליכט צו ערפילען, דא דארף דער פאטער שטעהן אויף דער וואך און היטען זיינע קינדער מיט טויזענד אויגען. אזוי ווי ער גיט אוועק פאר זיינע ביזנעס אכט שטונדען אין טאג אדער מעהר, אזוי מוז ער אם ווייניגסטען א שטונדע יעדען טאג אטענ־

דען צו די ביזנעס פון זיך בעקענען מיט זיינע קינדער, רעדען מיט זיי, און אין אינטימע פריינדליכע געשפרעכען זיי אויפמערק־זאם מאכען אויף זיין אידעאל וואס ער זוכט צו געפינען אין זיינע קינדער.

די דאזיגע שטונדען איז גראדע די בעסטע אינוועסטמענט וואס א מענש קען מאכען אין לעבען. ווייל ווען אייערע קינדער וואק־סען אויס גרויסע פיינע מענשען, איז דאס די בעסטע אינשורענס צו אייערע עלטערע יאהרען. עס גיבט ניט קיין בעסערע באלזאם און קיין בעסערע טרייסט צו אלטע טאטע מאמע ווי פיינע אנ־שטענדיגע קינדער.

---

יעדער מענש בעט ער זאל אלט ווערען. אבער ווען די אלטע יאהרען קומען — ווען מען האלט ביים „עלינו" פון לעבען, ווען מען פאהרט שוין פונ'ם יאריד, ווען מען הויבט אן פיהלען שוואך און מיעד פונ'ם לעבענס טאראראם, דערזעהט מען דאן אז מען איז זעהר עלענד און איינזאם. אלע אייערע פריינד פערלאזען אייך, קיינער האט קיין חשק ניט צו פערברענגען דארט וואו דער מלאך המות ווערט ערווארטעט יעדע מינוט, און אן אימה'דיגער עלענד רינגעלט אייך ארום פון אלע זייטען, דער שאטען פון טויט איז שרעקליך שווארץ און מאכט שווארץ און פינסטער די גאנצע וועלט ארום אייך, און די איינציגע ליכטיגע ווארימע שטראהלען וואס בלייבען דאן עטוואס צו דערווארימען אייער נשמה און צו באלייכטען די טיעפע פינסטערנים ארום אייך, זיינען פיינע, גוטע, אנשטענדיגע קינדער. איהר זיינט געשטאנען ביי זייער געבורט און זיי פערלאזען אייך ניט ביז אייער יציאת נשמה.

און קיין בעסערע אינוועסטמענט קען דאריבער א פאטער ניט מאכען ווי אבצוגעבען יעדען טאג א שטונדע, זיך נעהענטער צו בעקענען מיט זיינע קינדער און זיי געבען גוטע פאטערליכע ליעבע און טרייע עצות, ווי זיך אויפצופיהרען אין לעבען.

---